STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 18190

# VOLGER-SHTEYNER

David Hofstein

THE MAX PALEVSKY YIDDISH LITERATURE COLLECTION

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18190-0

D:\YIDDISH\TITLES\9780657181901T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

פראלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!

ד. האפשטיין.

# וואלגער שטיינער

אויסגאבע פון דער צענטריידביורא באם
פאלקאמיסאריאט פאר בילדונג פון או.ס.ר.ר.
כארקאוו, 1922.

ד. האָפשטיין.

# וואַלגער-שטיינער

## ערשטע זאמלונג.

אויסגאַבע פון דער צענטראַלער
יידישער ביוראָ ביי דעם
פאָלקאָמבילד פון או. ס. ר. ר.
כאַרקאָוו, 1922.

Р. У. П. № 34. Харьков, 1-я Гос. тип. 5441. 3000 экз.

אָשער שוואַרצמאַנס
ליכטיקן אָנדענק.

# אינהאלט:

## צווישן וואַלגער־שטיינער.

1. פּראָצעסיע
2. אַף ערדן אויפגעריסענע
3. אַ הויז
4. בריוו קיין סיביר
5. ווי שאַרף פון שווערד
6. אַף שטילער פרילינגדיקע הויל
7. פרעגסט מיך, שטילער ברודער
8. קיין דאך, קיין ווענט

---

## אף ליכטיקע רואינען.

9. גיט גראָז פון וויסטעניש
10. אָקטאָבער
11. און אליין הייסט גיין
12. העלער וואונדער.
13. פרוי
14. דערזע איך אף וויטע מידבאַריעס.
15. אין מיט פון טאָג
16. אוקראַאינע
17. אַהין, אהין
18. נעווינן

19. דורך שויטענדיקע רוקנס

20. שנייעי

21. די ווענט נאָך באפלאכטן

22. די הענט אן צאל

23. ברודערשאפט


---

## ש ט אַ ם.


24. איך בין

25. אַן ערשט פארהארטעוועטער ערד

26. ווען ב׳קריצן ציין

27. אַ שפאן טון מיט נייעם, מיט ברייטן

28. איך ווים, אַז אַלין

29. צום נייעם קנויט

30. נערעכטיקייט

31. מיר שטאמען פון פעלזן

32. איך האב פיל היימען

33. וואס זאָל איך דיר זאָגן

34. מיין קוילאבדיקע היים

35. דאָרשט


---

# צווישן וואלגער-שטיינער.

## פראָצעסיע.

מיר גערן אין דיינע פארנטיקע רייהען,
שפאַנענדיקע מענטשהייט,
מיט שטאָלצע, דרייסטע, זודיקע און קאַלטע—
טראָט נאָך טראָט!
אָף שאַנדן—שטאַנגען וואַקלט זיך און וואַקלט
דער אַלטער גאָט.
מיט לופט געלאַטעט,
פלאטערט אַלץ און פלאַטערט
די אַלטע רויטע פאָן —
צוריק קיין טראָט!
און שטעקלאַך וועקנדיקע שיטן שרויט אַף שטייפן פייקל
און טאַנצן דזשימזשען —
שלייפן שאַרפס אין שוועבענדיקער לופט
און הויך פאַרוואָרפט זיין רוף
דער שיינענדער טרומייט...
היינט
בין איך א שטיקל קלינגענדיקער קופער, —

איך וועב די מידע,
כיבֿאדעק
דעם זיפּץ פון אָפּגעשוואַכטע
מיט הילכיקן געלעכטער—
צוריק קײַן טראָט!

לייב קוויטקאָ.

* * *

אויף ערדן אויפגעריירטע צווישן וואלגער=שטיינער,
אין בייזע אָנפליהען פון שניידיגן געוויטער,
וואָס בין איך, וואָס באַדייט איך, איינער,
וואָס טראָגט זיין לעבנס=ליכט מיט שטילן ציטער?

דער יאם ערוואַכט אין זודיגן גערודער,
עס שטייגן שטראָמען פון די אויפגערעגטע טיפן.
וואָס איז ער איצט מיין אויסדערוועלטער רודער,
דער העכסטער זעגלבוים אויף מיינע שיפן?

כ׳בין גרייט, אין יעדער רעגע גרייט פארטרויען
די ציטריגע לעבנס-פלאַמען
דעם האַר פון כורבן און פון בויען,
דעם האַר פון ערדן און פון יאַמען...

## א הויז.

דער ערשטער שטאק
מיט ברייטן גלאַנץ פון שפיגלענע וויטרינעס,
מיט רוה פון כפייצים/אך, באַנוגנטע און דינע
מיך רופט און נארט צו זיך.
איך שטעה, איך קוק, איך זוך,
און אָט פערגעסט זיך גאָר דאָס גאַנצע שטעהן אָן זיגען —
א שווער פארגארטעלטער קאַרניז
מיין אויג פאַרפירט אַלץ העכער, העכער,
וואו נאָך אַ מענטשן-בליק דארט גארן דעכער
פון ריזן שכיינים...

נאָר איך
דורך נעזער שטויביקע
פון מיינע שיך
מיט גאַנצן וועזן

שפּיר נאָך דעם שטאק, דעם אונטערשטן --
דארט פון א ווינקל האָט זיך קוים באַוויזן
א הויך פארשאַרטע ברעם פון זייַן פארג,אזטן אויג,
עס לעכצט דאָס אויג נאָך שיין א קאפּל
און פיס און קליידער רוישיקע אלץ האלטן אין איין שאַרן
אין ברייט צעעפנטן שווארצאַפּל
דעם שטויב פון טראָטוארן...
דאָס אויג, עס פינקלט ניט
און זייַנע רויטע ווייַסלען
מיך נעמען דורך מיט שרעק,
איך שפּיר:
אַ קאָפּ, אן אַקסל א צעגויסגעדרייטער
אָט גיבן זיך אַ ריר...
און בלאָווע ליפּן שעפּטשען טיף אין מיר אַרייַן
דעם גוירל פון מייַן זייַן --
און איך אין הויז- און מער דאָ קיינער —
עָט קראכן ווענט, אָט וואַלגערן זיך שטיינער!..

---

## ברויה קײן סיביר.

י. טעמקינען.

.1

אויף שעטאך, וואָס האָט אונדז צעשיידט,
אין אַ׳ץ שוין פאַרווייט.
מײַן שליטן פון בענקשאַפט איז גרייט..

אויף ווײַטן, אויף שנייאיגן שוויגן
צעשטעקט זײַנען גרינינעע צווייגן —
פאַר וועגן אַ יונגער באַווייז.

איך ציה הײַנט מיט לייב און מיט לעבן
דורך שנייען, דורך אײַז־יאמען זיבן
אין לענדער פון גליווער און אייז...

.2

דאָרט גליוּוערן פֿעלדישע הוילן,
דאָרט שפּילן היַינט ווינטן אין קנויל,
אין לאַכן, אין וויינען —
איך וואַרט היַינט אויף קיינעם...

דערציילן מיר פֿראָסטיגע שויבן:
— צו ווענט זיך שוין טוילען די שנייאיגע שטויבן..
און ווינטן אָפּט שיקן מיר איינעם
אַ בלאָז טאָן, אַ פּיַיף טאָן אין קוימען...

איך האָב עס ביי זיי ניט געבעטן,
איך בין היַינט אַ פֿרעמדער אין פֿעלדישן מיטן —
ניט לאַכן, ניט וויינען,
ניט וואַרטן אויף קיינעם...

.3

די קאַלטע אַנגאַראַ,
דער לענאַ׳ס אַ מיטעלע טאָכטער ,
האָט שטום דיך פאַרוויקלט
אין כוואַליעשע פאלדן
און לאַנג דיך געפירט אין די פליסיגע שטאָלענע לענגען:
מײַן לײַד איז פון מ׳ר שוין אַנטלאָפן,
ניך ערגיץ באַהאַלטן
זון טיף זיך פאַרהילט אין די טוכן פון בענקען...
אָך קומט אָן אַ ווינט פון דעם אייזיגן צאפן,—
צוויי אויגן באטריבטע מיט צאר פאַרלאָפן
זיך עפענען ווידער,
און אונטער די פענסטער אין שטומע פאַרנאַכטן
אַלץ וואַרטן און ווארטן פארגליווערטע הוילן
און ציהען אַהין מיך, וואו אַייערע לײדן,
ווי וואסערן פליסן
פון שנייאיגע הויכן און אַײַזיגן נידער...

* * *

ווי שארף פון שווערד
פארוואָרפט איר רוף
די שטומע ערד
און קריצט מיט פּאָספאַר-שייַן
די וואלקן בלייען—
א הייסער שלאקסרעגן אף לענדער געהט
און שיט מיט פעך און שוועבל.
און רינשטאָקן פון וועלט
מיט פולע העלדזער שפּייַען
מיט בלוט, מיט גאל, מיט וויין;
און יעדער שטיין און יעדער שייט
שוין שוועבט אין דוקן שוים...
און וואס מיר איצטער

וואונק פון צייט,
און שווינד פון רוים
און שטערן־שיס אין פוסטע קעלטן?...
א פייַערדיקער שלאקסרעגן אף ערדן געהט,
אף אַ־ע מיינע וועלטן!

* * *

אויף שטילער פרילינגדיקער הויל פון ווילדע ווײַטן
אַלץ טריפט און טריפט מײַן אלט פארציטערט בלוט,
צום שוואַרצן האַרצן טוליען נעכט
דעם וועה פון טעג פארשוועכטע...
נאָר פלאַקערן צעשפּאַלטן ווייכע נעפל-שויסן
און גליהען אויס אין פייערדיגן דויער
אלץ נײַע צייכנס
פאַר ווײַטערדיקן דראנג פון קאקערדיגן צארן!
בײַ רויטע טויערן פון לויטערע פרימאָרגנס
זיך שטעלט אויף וואַך
דער שאַל פון יאָגנדיגן האָרן,
און גריוועס זײַנען גרייט צום ערשטן שווּנג,
און טלאהען אייזערנע קוים וואַרטן
אויף ערשטער בײַט פון שוועבנדיגע ווײַטן
אויף שטויס פון נײַע שלאַכטן...
מיט האַרצן=ציטער הער איך זיי

די טויזנט-אָטעמדיגע פריידגעשרייען,
מיט גליוועד-לייד דערשפיר איך זיי,
די שטומע צאַפּלדיגע וויהען...
און ווען די נאַכט
איז גרייט דעם זינקענדיגן טאָג
אין שטיין שויס פאַרהילן,
צו ווײַטן ציהט מײַן גליהענדן געמיט
מיט שטריק פון ווילנס טויזנטער געבונדן,
נאָך רעדער מידע, שיקערע פון שׂ׳אַכט,
געפאַנגען שפּאַן איך צווישן פּעלדער בּרייטע...
איך בין מיט זיי, מיט שטענדיג גרייטע
צום נײַעם שאַ׳ פון מונטערדיגן האָרן,
צום נייעם פלאַם פון לייטערדיגן צארן!..

## פרעגסט מיך, שטילער ברודער!

פרעגסט מיך, שטילער ברודער
וועט וועט צאָקן
פאר די טאָקן ביינער,
פאר די טייַכן בלוט?
הער-זשע, ברודער!

אייביק, אייביק
שטרייַטן וואָרצלען
אונטער דר-ערד,
אייביק, אייביק
פאכען מעונטשן
מיט דער שווערד...

אייביק אייביק!
נאר ס'האט קיינמאל
אַזוי גלויביק
ניט געהויבן זיך קיין האַנט!
ס'האט נאָך קיינמאל
אזוי זיכער
ניט געטראגן זיך קיין וויכער
איבער מענטשן-ראנד...

* * *

קײַן דאַך, קײַן װענט און שװעלן אומעטום
און פּיס פֿאַרהאַלטן זיך שױן גרײטע צום אַרײַנגאַנג
און טירן ציִהען מיך און פֿירן מיך אַרום
טירן האַרבסטיקע מיט לױטערקײַט פֿאַרהאַנגען.

ס'האָט, יבֿע דאָ געהוידעט צאַרט איר הױג
הײמען הונדערטער זיך האָבן שטיל געראַיכערט
צו האָט פֿון דאַנען נאָך געראַטעט זיך אַ בליק?
צו שפּילן ערגעץ־װאו פֿונדאַנענדיקע קױכעס?

װאָס דאַרף איך זי די לױטערקײַט די קלאָרע
װאָס אױך אין שפּאַלטן כורװישע פֿאַרינט?
און װאָס צעזײען װעט פֿון ביטערע האַזקאָרעס
מײַן זײער (נאָך אַלץ דער אײנציקער) — דער װינט...

אף ליכטיקע רואינעז.

* * *

ניט גראָז פון וויסטעניש, אָ, ניין!
נאָר שטראלן פון באגינען
צעשפראצן זיך פון יעדן שטיין
אף דיינע ליכטיקע רואינען,
אָ, מאָסקווע=שטאָט! דער שענסטער טרוים
פון אלטע בלינד-פארליבטע זין פון דיינע
איצט ווערט באוואָרט!
אָ, מאָסקווע=שטאט, א, דריטער רוים!
די יינגסטע שפּיל פון מינדסטן יינגל דיינעם
מיט גריינן גרוי פון אלטע לוכעס מיינע
איצט ווערט באַוואָרט!
דער ערד,
וואס האט מיין טראָט מיט דרייסט באשווערט,
דער עיד, וואָס דו, אָ, הארץ, פאר איר זיך קלאפּסט,
דער ברייטער ערד,
פון יאָם צו יאָם:

פון ווייטן שטו״ים-ראנד,
וואו ס׳ליגט אין אלטער קלארהײַט
די הויב די זילבערנע פון בארג אראַרעט,
ביז ווייסן גליווער-יאם,
וואו ס׳שוועבן אײַזנפעלדער אין קאַלטן שלאָף,
אין גלאנץ פון צאָפן-שײַן—
דער ערד
מײַן נײַע פרייד,
מײַן נײַע פײַן! —
איר ווייכע בלאט
האט אײַנגעזאפט
מײַן זאט
פון בלוט
און האט אין טעג
פון גרויסן שניט
מיט מוט
אים אומגעקערט,
און האט מײַן טראט באַשווערט
אף נײַעם זײַן—
דער ערד
מײַן פרייד,
מײַן פײַן!

## אָ ק ט א ב ע ר׳

אָקטאָבער!
אן אנהויב, אן „אָ״,
א ברען פון אומענדליכן רונד,
א זוים פון א זונראָד—
און אויסיעס אלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראבער:
„אקטאבער״.

עס וועלן
כאדאשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יארן—
דיַין נאמען וועט העלן,
דיַין נאמען וועט קלארן!

וואו איז ער, דער גארנישט,
וואס ווייסט ניט דיַין נאמען?

וואו איז ער, דער בלינדער,
וואס וואגט נאך אצינדער
מיט לייקעניש וואָרנען?

און פייַנט?
און פייַנט אזוינע,
מ ט א׳טע קרוינען
אף קייַלעכיקע קעפ געקעכלטע פון דוירעס,
מיט הוסטן גאלדענע
פון מילדע ברוסטן,
מיט הערשערישע וואונקען,
מיט איידעלע הענט אין ווייכע הענטשן,
וואס האלטן צארט
(מיט אפגעשטעלטן קליינעם פינגער)
די דראָטן,
וואס שיקן פונקען
אף אויפרייַסן פון וועלטן!..
אזוי פיל פייַנט!

געבענטשט איז דער, וואס קאן עס זיך פארגינען
אזוי פיל פייַנט,
און פייַנט אזוינע
ערליך-שוידערליך פארדינען.

עס וועלן כאַדאָשים זיך צוועלפן,
זיך קייטלען אין יאָרן—
און אַלע זיי וועלן זיך קערוועון פארוואונדערט
אַף דיר,
אַף אָקטאָבער
פון צוואַנציקסטן פייַערגעשמידטן יאָרהונדערט!

וואו זייַנט איר, כאַדאשימלאַך דריבנע,
מיט פאַלשגאָלד באצירטע,
וואס האבן מיט כוצפע אָט דאָ געשפאצירט
איבער לאנד איבער גרויסן און גרויען?
איילט גיכער פארשווינדן!
וואס קוקט איר פון שפעלטלאך ארויסעס,
וואס באָמקעט אייַך אונטער
פון קלויסטערשע גלעקלאך?
וואס רירט זיך דארט ווערמיש אין שטויבן,
אין שטויבן אף פאלשינקע צעטלאַך,

וואס קנעכטישע רומער
אַף שטער׳ס גענויגטע
דא האָבן צעטראָגן?

אָקטאָבער!
אנצאָליקע סטויפּעס,
צעשטעלטע
אין לאנד אין דעם גרויסן און גרויען
אף שיידונגען יונגע
פון זייַנע אומענדליכע וועגן—
זיי לויפן,
זיי בויגן די קעפּ אָן,
זיי קניען,
זיי בעטן
א זכיע צו האָבן
א שפּענדל צו ווערן
פון וועלטישן מאסט-שטאַנג,

וואָס וועט אף דער שיידונג פון טקופעס
דערהויבן דײַן אויפשריפט
און וועט זיי, די טקופעס,
דורך וואָלקנס באווייזן:
„אָקטאָבער!“

אן אָנהויב, אַן „אָ“,
א ברען פון אומענדליכן רונד,
א זוים פון א זונראָד —
און אויסיעס אלע
פון האנט פון דער גרויסער
און גראבער:
אָקטאָבער!

* * *

און אלץ הייסט גיין...
יעדער טאָג זיך וואַלגערן
צעשפרייטן זיך אויף שוועל
אויף אייגענער
און שפאנען איבער זיך אַליין!
אליין זיך הויבן פאר די האָר
און וואַרפן זיך און שלײַדערן
אין ווײַט פון יאָר!

און בליקן דארשטיגע
וואס בלוטיגן מיט טרערן
פון שטענדיג זיינען דאָ געוועגדעט
צו געטער גרויזאמע
פון ברעכן און צעשטערן...

און יעדער אויף דער ערד
דאָ גייט
דעם הייסטן טאנץ פון העכסטער פרייד
אויף שארף פון שווערד!

## העלער וואונדער.

דאָרטן, דאָרט פון אונטן,
רופן העלע הענט...
זון, מײַן העלער וואונדער,
העלער זיך צעברען!

הערט, ווי ס'קלינגען גלעקער,
ווי דער האָרן שאַלט—
דאָרט אויף מיזראך=שטרעקעס
ווערט אַ טאָג געזאַלבט!

בויער, ברען און פּאַקער
צווישן שטיין און רויך!
פיר אַרויף דײַן אַקער,
פיר אים אין דער הויך!

שיט און פלייץ פון אויבן
מיט דײַן העליש בלוט,
דו ביזט אונזער גלויבן,
דו ביזט אונדזער מוט!

ווער דו ביזט און וועמעס
קיינער פרעגט ניט מיין—
אונזער גרויסער עמעס
איז אין אונדז אַליין!

* * *

אָ, פרוי!

אָ, לאָקנדיגער וואונדער,

אין עטער פון דער וועלט

די טמימעסדיגע זיידעס אונדז דערצעהלן,

אז דו, די ערשטע, האָסט געגאָסן

פון זיסן בוים פון וויסן!

אָ פרוי!

אָ, צערטליכסטער געמיש

פון בלוט און מילך

דאָ אונטער זון און שטערן!

די ווײַטע זיירעס אונדז דערצעהלן,

אז דו, די ערשטע, האָסט געוואָרפן

פון שטרײַט דעם שווערן עפל

אויף טיש

פון צײַטן און פון דוירעס!

אָ, מוטער, שוועסטער, פרוי!
ווער נאָך דאָ ווייסט
וואָס הייסט
אין ג׳יה, אין בלוט, אין ווייה
אַ׳ץ בויען און באַנייען?
שטייה אויף, באַפריי
דײַן שטאָלץ געזיכט
פון דער פיליאָרנדיקער קנעכטשאַפט
באַווײַז אין נײַער ליכט
דײַן אַלער׳יבליכסטע,
דײַן אַלערשענסטע הערשאַפט!
אָט דאָרט,
וואו ס׳קי׳ינגען שווערדן
פאַר מענטשן רעכט,
פאַר עכטער מענטשן ווערדע,
פאַר נײַעם זײַן —
דאָס ערשטע וָרט
א׳ז דײַנס!

* * *

דערזע איך אף ווײַטע מידבאריעס
צעגליהטע סאַמומען —
דערזע איך אויך באַלד קאַראַוואַנען,
וואָס געהען און קומען —
וואוהין און פון וואַנען?
אין טעהוימיש קראַכן,
אין שפּײַ פון וואולקאַנען
דערהער איך די שטילקײַט פון מענטשליכן ווײנען,
אין שפּיל פון פריהיאָריגע שטראַלן
אויף אַלטע פאַרראָסטעטע שטיינער
דערהער איך דעם ריינעם געפּי׳דער
פון קינדער,
פון קינדער, וואָס קאָנען אין אויגנבליק איינעם
אי ׳אַכן אי ווײנען...

איך האָב מײַן באַוואוסטזײַן אויף וועלט אויפגעהאַנגען—
אַ כופּע אָן עק און אָן שטאַנגען —
נאָר כ׳קאָן זיך קיין רעגע ניט שיידן
פון ערדישע בייטן!...
איך הויב מײַנע אויגן
צו שטויבן פון שטערן,
נאָר קלאַנגען פון ספערן
ניט קאָנען פאַרטויבן
דעם יויוועל פון מענשליכע פריידן,
די קלאָגן פון מענשליכע ליידן..

* * *

אין מיט פון טאָג

איז יעדער זאַך באַהערשט מיט שײַן,

אין מיט פון טאָג

איז יעדער שאָטן קלענער,

אין מיט פון טאָג

פֿאַרגעיין,

אין מיט פון טאָג

אַ טרוים צו זײַן

איז שענער!...

נאָר איך, נאָר איך,

נאר מענטש אליין

געבענשט בין מיט דער גאב

נאך פון זעניט

אליין אראָפּ

אין טעהוים פון טרוים

העי, אלע איר, ווער ס'האט געקאָנט

מיט הייסן ברייטן שניט
זיך אויסוואָרצלען אליין
א יונגן בוים
פון ערדן-מיט,
פון וואלד פון לעבן,
העי, אלע איר, ווער ס'האָט אליין
מיט שטארקער גרינגער האנט
דאס יונגע לעבן אויפגעהויבן
און הויך געווארפן עס
אויף טונקלער וואנט
פון מענטשן-נישטיגקייט און איבערגלויבן,
געוואָרפן עס און נישט געזשעגנט
און ניט צוריק גענומען, —
און די, וואָס דא געבליבן
איינס געשענקט,
באוואונדערן און רוהמען !

העי, אלע איר, ווער ס׳האט
אין פוילן רייף פון יאר
מיט ברענענדיגן דרעשער
אליין זיך אויסגעדראשן!
אויב איר זײַנט טרוים,
וואָס איז דאָ וואָר?
און איר, און איר,
וואָס זײַנען דאָ,
ווי דו, ווי דו, ווי דו, ווי דו,
אין שאָה
אין ליכטיגסטער געווארן אויסגעלאשן —
צו אײַך איז איצט מײַן הארץ גענויגט!
ס׳איז העל די טיר
פון אײַער רוה,
פאַר אײַער שוועל
מײַן גײַסט זיך בויגט
און קניהט,
צו אײַך, צו אײַך,
איצט גליה איך, גליה אין טפיכע=׳יד.

## אוקראינע.

**אין קראַנקען מויאַך,**
**ווי הייסער פעך,**
**זיך שיטן נעמען**
**פון שטעט פאַרשוועונדעטע,**
**בלוטיק נאָענטע**
**און בלוטיק פרעמדע...**
**פאָסטאָיו!**
**וואָסילקאָוו!**
**און נאָך,**
**און נאָך...**

כ'האָב אָנגעטאָן
צוויי קעגנאיבערדיקע פענסטער
פון וואַגאָן
אף מיינע דאָרשטיקע,
שוין פיבערדיקע בליקן...

אָן מי,
אָן רו,
**אָן שאבעס**
און אָן זונטאג
גייט די וואָך...

איך וואַנדער ווידער
איבער אײַער הויל,
צעוויקלטע, צעלאָזנע פעלדער
פון אוקראַינע;
איך שרײַב מיט רויך
פון שוין צעשרויפטן
לאָקאָמאָטיוו
אַ אייליקע, א ציטעריקע בריוו
דער העלער הימלדיקער הויך...

מיט הויסן גלײַכגילט
קוקט זי צו,
ווי עס שווינדלען
אָפּזיסן פון מײַנע כורוועס
אף ברייטער פלאַך פון פעלדער מילדע,
שטיל פאַרשאָטענע
מיט ביינקשאַפט,
רײַך באַפּײַכטע
מיט מיין בלוט...

די אָפּגעריסענע
צעדאַרטע ווענט
פון גרויען
אומריינעם וואַגאָן—
זיי ציטערן
אינאיינעם מיט די זײַטלאַך
פון מײַן אויפגעוואַכטן האַרץ,
און אונטער וואַקלענדיקע פּלייצעס
שטייט יונג־געבויגן,
מיט וואַרעמקײַט און קינדערש־ריינע אויגן,
די אַלטע־אַלטע טײַנע:
וואָס וואויגט אַריבער
אַ טראָכן בלוט
פון קינדערשן
אומשולדיק־שיינעם ווען...

אַ טאָג, אַ טאָג אַ גאַנצן וואַרטן,
אַף דרײַ פאַרשעמטע קלינג...

איך קאָן זי שוין פון ראַנג,
די אומעטיקע ליידיקגייערשאַפט
אַף דײַנע וויסטיקע וואָקזאַלן...

טריט באַנדיטעשע
און לידער שיקערע
אַף דיַינע ווימלענדיקע מאַרקן...

איך קאָן זי שוין פון לאַנג,
די ברוסט
פון דיַינע מיינגען,
וואָס אונטער סוויטע רויטלעכער
(ווי אַלטע פאַרזשאַווערטע אייזן),
איז שטענדיק גרייט
זיך שטאָפּן מיט פאַרדרוס,
איז שטענדיק גרייט
די ווילדע הענט צעהוידען,
זיי וואַרפן אַף אַ קאָפּ:
— שלאָג!
— קלאָפּ!...

איך גיי מיט ליבע נאָך:
עס האָט קיַין שויב דאָ ניט געפּלאַצט
אין בערג־טורמעס אין דיַינע,
וואָס קוקן, לויטער נאָך,
אף די געוויסערן פון דניעפּר,
אַף סטעפּעס דיַינע...

מיט טויזנט טאַצן הייסע טאַנצט די זון
און בלענדט,
און הויבט באַ פיסגייער די פיס,
און וואַרפט באַ וואַנדערער די הענט...

איך ווייס דאָס אויך:
ביסט דוירעס לאַנג
געווען אַ מיקלעט=פּלאַץ
פאַר אויסוואורפן
פון גרויסן גרויען ראַנד...
אַף אַלע=אַלע שטרעקעס זייַנע
שאָטנט זיך דייַן שאַנד,
אוקראַינע!

*

אהין, אהין,
צום גרויען ווינקעלע,
וואס האָט דײַן קערפּער רוה געגעבן
אויף מילדע פעלדער פון וואלין,
אהין, אהין
איז איצט מײַן בּליק געווענדט,
אהין, אהין
איצט הויב איך מײַנע הענט:
אויף שטרעקעס טויזנטמײַליקע
פון פאטערלאנד פון דײַנעם
שוין טרעטן ווידער מאכנעס אײַזיגע,
און רויטע פאנען ווידער טײַנען
מיט גאנצער וועלט!

מײַן צאַרטער ברודער-העלד!
ווי מיטן ערשטן פֿאָרגעפֿיהל
פֿון פֿרײַע פֿרי׳ינגס-פֿריידן,
ווי מיט דעם ערשטן קראַמף
פֿון שטאָלצע הייסע ליידן,
וועט זיך מיט דיר
אין גרויסן קאַמף
דאָס יונגע האַרץ
שוין אייביק ניט צעשיידן...

## געוויסן.

געוויסן!
איך ווייס,
מע זאגט,
דו ביסט
א הונט —
א הונט
וואס האָט פון קייט זיך צופּגעריסן.

כ׳בין שטענדיק גרייט
מײַן בּליק א בּאָד צו טאָן
מײַן שוועבּנדיקן בּרען
פֿון דײַנע גרינע אויגן-רונדן.
כ׳בין גרייט צו זען,
ווי בּיסט צעבּייזט
פֿון לאנגן רינגען קלאנג,
צערייצט
פֿון טויזנטער אנקעגנס,
וואס רײַסן זיך
אין ברייטן שלונג
פֿון רעכטס,
פֿון לינקס...
איך האב דיך ליבּ, געוויסן!

שוין צופיל זיכער,
צופיל קנעכטיש און צו־רידן
איז דער טראָט
פון אויסגערעכנטן און אָרנטליכן גאנג.
און קיינמאל שאצט ניט
פאר די קנעכל
א כאפ טון אים
מיט פלוצימדיקע שארפע ציין
און ווי א הונט,
וואס האט פון קייט זיך אָפגעריסן,
אף זײַנע טויזנט „יאָען"
א ברום טון איינמאל און פארביסן:
—„ניין"!

## דורך שוימענדיקע רוקנס.

דורך שוימענדיקע רוקנס
פון כוואליעס דײַנע,
ברויזנדיקע מענטשן=וועלט,
דײַן יעדן שטויס דערפילן!
מיט טיף פון הארץ פארבלענדטן,
מיט צוגעמאכטן בליק,
צו הימל ווײַט געווענדטן,
דורך אָטעם=הויך
פון אײַלנדיקע מיינגען,
דורך וואלקן=רויך
א ציִ טון זיך אין שטאָלצן גליענדיקן בייגקען
צו קאלטער הארמאָני פון וועלטן=ספערן —
קיין גרעסער גליק
קאן קיינעם דאָ געהערן!...

## ש נ י י ע ן.

געדיכטער, געדיכטער פאלט שנייען,
אײַלט גיכער פֿאַרדעקן
די שמוציקע פלעקן
פון בלוטיקע ווייען
מיט דעקן פון טויט...

אײַלט שנייען, אלצדינג צו פאַרגלײַכן,
אײַלט אַלץ צו פֿאַרבײַטן:
די בלײַערנע ווייטן,
די וויסטיקע שליאַכן
פֿאַרכווישעכט פון קויט...

און איידער דער מענטש וועט דערוועגן
זיך דורכשנײַדן ברודיקע וועגן
אין לויטערן שויס—

פֿאַרבלענדט אים מיט לויטערער ריינקײַט,
פֿארבלענדט אים מיט אייביקער שיינקײַט
און לויטערט אים אויס...

געדיכטער, געדיכטער פֿאַלט, שנייען
פֿאַרזעקט שוין דעם ערדישן קויט...
אף קאלטע אף שנייאיקע דעקן
צו הייס זײַנען מענטשליכע ווייען,
צו רויט--זײַנע בלוטיקע פלעקן,
צו רויט!—

* * *

די װענט נאָך באַפלאָכטן מיט קלעטער געשטעגן,
מיט מיסטן מיט אַלטע
פאַרװאַלגערט די שװעלן,
און ס'הילכט נאָך די פוסטקײַט
פון אונטן ביז אויבן—
נאָר כ'זעה אײך שוין װעלטן, באַנײַטע
מיט אויגן פון ליכטיקן גלויבן!..

איך זעה אײך שוין װעלטן באַנײַטע!

אַף װײַטן נאָך קנױלן זיך רויכיקע שטויבן
דארט רײַסן זיך שטײנער
דאָרט ברענט זיך נאך קאַלעך!..

מיט אויגן פון ליבע פון רײנער
איך זעה אײַך שוין װעלטן באַנײַטע
דורך רויכיקן מהאַלעך!

* * *

די הענט אָן צאָל, אָן צאָל,
וואָס בלוטיקן און בלוטיקן—
און ברעכן שוין ווי אָטשערעט
די בינסלאַך אַלטע שווערדן;

די הענט אָן צאָל, אָן צאָל,
וואָס הויבן זיך מיט שטאָלץ געבעט
מיט רוף מיט מוטיקן
צו נײַע פרײַע ערדן;

מיט נײַעם האַמער-שטאָל
מיט נײַעם אַקער-אײַזן—
וואָס קאָנען הענט אַזוינע ניט באַווײַזן?

* * *

זי איז שוין פֿול מייַן ברוסט
מיט פֿאָרגעפֿיהלן הייסע
פֿון גרויסן קומען, דייַנעם
דו, ברודערשאַפֿט!
ווען יעדער אָטעם גלוסט,
ווען יעדער רודער שאַפֿט
ווען יעדער שטיין
איז אָפּגעשווינקט
פֿון גלייַכגילט
און פֿון שטויב,
ווען יעדער פֿאַל,
ווען יעדער הויב,
ווען יעדער ריר
איז אָ דער „יאָ",
איז אָ דער ניין,
נאָר איז א שפּיר
נאָר איז אַשטויס,
נאָר איז א ציה
פֿאַראויס!
ווען יעדער מיה

און קליין
און קייט
אליין
איז גרויס
איז ברייט
איז הוילע פרייד...

שטאם

* * *

איך בין

אויף אַלטן שטאַם אויף מיינעם

מיט צווייַגן הענגענדיגע, גראָווע פלאַקסן

אַ יונגע צווייַג

און איין באגער נאָר האָב איך—וואקסן!

איך גרין,

איך שטייַג

אַהין,

וואו ס׳העלט—

איך וויל מיט רויטע בליטן טייַנען

מיט גרויסער וועלט!

פון אַלטן שטאַם פון מייַנעם,

פון אַלטן זאַפט

נאָך שעפ איך יונגע קראַפט,

נאָך זויג איך אַלטע ווייַנען—

און ווען די נאַכט פאַרלאָזט
דעם קאַלטן רוים,
ביַי ערשטן בליה פון זון –
פון אַלטן שטאַם,
כון אַלטן ראָסט
פאַרשיקערט קוקט מיַין יונגע קרוין
אַנטקעגן זון...

* * *

אף ערשט פארהאַרטעווועטער ערד
אין פרי אין פראָסטיקן
צום ברונים שפאנען...
און פלוצים דרין דערשפירן:
ס'איז גאָר נאָך ניט פאַרוועטט!
פאַראַן נאָך מוט, פאַראַנען
אין וועלט אין איַיזיק-ראָסטיקער,
און לאָזן לויפן זיך אין טאָג אין פרייען
און שפירן:
אַ טאָנ אַ שטאָ/ענער, אַ שפאָגל נייַער,
אַ האַרץ אַ ירונגס,
אן איַיזערנעל אן אלטער עמער
זיך שפילן אלע דריַיען
מיט יונגע קלינגענדיקע טענער!...
מיט שטיַיפער האַנט
דעם ערשטן איַיז צעקלאַפן,

אַרויסרײַסן אַ שטיקל טיף
און זען און הערן,
ווי טראָפּנס קלאָגן זיך און ווערן
און יאָגן זיך,
ווי שוואַרצער טריף,
אַהין, צוריק...
אין דעם איז אויך פֿאַראַן אַ שטיקל גליק!...
און מיט אַ צענדלינק יאָרן שפּעטער,
אין טעג פֿון פּײַן, פֿון צאַאַר און צאָרן,
אין סאָף פֿון נאַכט פֿון שווערער ווערן פּלוצים וואַן
און אויסציען די אָפּגעקילטע גלידער,
דעם שטומען צימער ניט דערקאָנען
און הערן, הערן לאַנג,
ווי ערגעץ דאָ ניט נאָהענט און ניט ווײַט
פֿאַרהערן זיך קאַנאָנען,—
דורך טריבער שויב דערזען,
ווי ס'שפּראָצט אַ טאָג אַנייער דאָרן...

און אין דער רעגע זיך דערמאָנען
אין יענעם פראָסטיקן און קלינגענדיקן מארגן...
אין אט דעם פּײַן איז אויך נפך גליק פֿאַרבארגן!
און יעדער אויפגעוואַכטער גליד נאָך זאָגט;
— איך וויל ניט שטאַרבן!
און מיט צעשפּרייטע פליגל קניט דער גײַסט
פֿאַר שוועבנדיקער קייט פֿון צײַט!
אָ, לאָזט מיך, רינגען זיך פֿארקאַרבן!...
איך ווייס נאך ניט וואוהין איר ציט,
איך ווייס נאָך ניט פֿון וואַנען!
נאר ס'איז אַזוי פיל זיסע לייד פֿאַראַנען
אין אייער גרויסן ציען—
איך וויל מײַן ווי נאָך ניט באַשרייַנקען! —
איך וועל נאך דייגקען,
איך וועל אין ראַאַש פֿון קראַכן שטיל זיך מיען,
איך וויל אין פּײַן
נאך גליען,
גליען...

* * *

װען ס'קריצן צײן צונױפגעפּרעסטע,
װען ס'בליצן פֿונקען פֿון די אױגן,
װער קאן מיר אײצען מעסטן,
װער קאן מיך פֿרעגן:
האָסטו אָפּגעװאױגן?
איך װײס נאָר אײנס,
און אָט דאָס אײנס נאָר קאָן איך צײלן:
ס'איז הײס
דאָס האַרץ,
עס טרײַבט
נאָך בלוט,
עס גליט
פֿון װײ,
עס בליט
פֿון מוט,
און װײ און מוט איצט קאָן איך ניט צעטײלן!

אין הײַזער-קרײַז פֿאַרטריבן,
מיט דערנער שטאָלענע פֿארצאמט,
וואָס איז מיר נאָך פֿארבליבן?
עס פֿלאמט און פֿלאמט
מײַן בלייך געזיכט
און טרערן שווערע
פֿארביטערן די קלאָרע ליכט
פֿון מײַנע בײנקענדיקע אויגן...
אין נידער פֿון פֿאַרנאַכטן,
אין שטייגן פֿון פֿרימאָרגן.
אין בלוטן העלישע
מײַן אויסוועג איז פֿארבאָרגן!
ווען הײַזער שטייען
אין פֿלאַם פֿון וויגעשרייען,
ווען קנויטן גרויל זיך קויקלען איבער גאסן,
ווער קאָן מיר הייסן ווארטן?
ווער קאָן פֿארווערן האסן?...

אַ שפּאַן טון מיט נײַעם, מיט ברייטן
מיט אייגענעם נאָך ניט געגאַנגענעם גאַנג!
ווער זאָגט עס: ס'איז פרי נאָך, איך דאַרף זיך גאָך גרייטן—
פֿון יארדן ביז וואָלגאַ איז פּאָלג מיך א גאנג!

געמאָסטן מיט טריט באַשווערטע
די ערדישע דאָרניקע פלאכן,
מיט זיילן פון פײַער, מיט וועקסענע ליכטלאַך—
און גרייטע צו זוכן און גרייטע צו וואַכן...

איך זע זיי די בלומן ביז באוול,
איך זע זיי די דארשטיקע בויערס די צווייטע,
מיט טרייסטלאָזע קריצן אף האַרציקן טאָוול,
מיט שניט פון אומויסטיקן ווייטאָק.

און ווײַטער.
און ווײַטער!...
נאָר ווער וועט דערצײלן?
און ווער וועט עס הערן,
ווען ס'פּלאַקערט די שײַטער?
און ווײַטער?

פֿאר פֿײַער—ערד!
א שטויב פֿאר שווערד,
און ערשטע אָפּערשאָף אף יעדן שײַטער!

מיט שטויביקײַט
באַזיגט די גרעסטע ווינטן פֿון דער וועלט,
מיט פֿונקען—רעגעס-פּלאַם,
ווי זײַלן, דורכגעשטראַלט אין אייביקײַט!

* * *

ל. טראַצקין.

איך ווייס, אז אלץ דאָ גייט פון טיפן,
איך ווייס, אז אלץ פון ברייטן גייט,
נאר כ'האָב אים ליב דעם טורימשפּיץ, פון שטאל געשליפן.
כ'האב ליב די פּאָן, וואָס ווייזט דעם ווינט א וועג און ווייט!

אין גרינג איז מיר מיין רויטע לייד דא טראָגן,
און גרינג איז גארן נאָך נייעם גליק,
ווען איך דערזע, ווי מאכנעס טוט פאריאָגן
דיין הייסער שווערדן־שארפער בליק.

ער איז פון בליק פון דיינעם שוין פארשוואונדן
דער ביטערער, דער אלטער טרערן־קוואל
און ס'ברענען העל אין דיינע אויגן רונדן
צוויי גרינע טראָפּנס גאל...
און שיינקען בלוט און מארך פאר העלע פאָנען
בין איך פון לאנג געווינט—
איך גלויב שוין לאַנג, אז שטעלן זיך אין וועלטן־קאָנען
קוינט!...

* * *

צום נײַעם קנויט
פון פרײַען פאַקל דײַנעם.
אָ, גרויסע וועלט!
פון ווײַטן וואָגלעניש,
מיט שווערן שלעפּ פון נויט,
אין קרוין פון אַלטער פּײַן
אויך איך האָב דיר אַ פּאָדים צוגעשטעלט.
אַ ווײַסן לײַנען-פּאָדים,
געטונקט אין רויטן ווײַן
פון בלוטיקן גערעכט
פאַר נײַעם קנויט
פון פרײַען פאַקל דײַנעם,
פאַר זײַן פילפאַרביקן געפלעכט.

און ווען
אין העי פון ברען,
אין שוואַרץ פון רויך
ניט קאָן איך שוין דערקענען
דעם רויטן פּאָדים מײַנעם —
מײַן האַרץ נאָך ווייסט
פון טרייסט—
כ׳האָב אויך אַ פּאָדים צוגעשטעלט
צום נײַעם קנויט
פון פרײַען פּאַקל דײַנעם,
אָ, גרויסע וועלט!

## נערעכטיגקײט.

װײַן, װײַן
אַלטער װײַן,
װײַן פֿון פֿלאַמיקן געראַכט!..
אונטער אַלע הימלען,
אונטער אַלע קעלער—שימלען
אױסגעשטאַנען
און דערברױזט ביז דאַנען,
ביז די װילדע פֿלאַכן אונטער צאָפֿן-נעכט!
איבער אַלע װעגן,
פֿון דײַן װאָגלען,
איבער גאָרער װעלט
שטעהען דײַנע לאָגלען
ברײט און פֿעסט צעשטעלט!
דאָרט באַ שײַן פֿון טאָגן, אַף דעם װעג פֿון לאַנד
פֿון קנעכט

האָבן ערשטע פֿינסטערע מראַגלים
קוים געטראָגן
איין און איינציק ענגל
אַף אַ שטאַנג!
ווייַן—ווייַן,
ווייַן געטראַנק!
ווייַן פֿון פלאַמיקן גערעכט!
וועלטן שעלטן הייַנט דייַן ברויז,
וועלטן שעלטן הייַנט דייַן שוים
אַף די ווילדע פלאַכן אונטער צאָפן-נעכט!

* * *

מיר שטאַמען פון פעלזן!
פון פעלזן, צעמאָלטע אַף מילשטיין פון צײַטן...
מיר שטאַמען פון פעלזן,
וואָס האָבן דעם גורל פארבונדן
מיט יאַמען,
מיט ווינטן,
מיט ווײַטן...

מיר שטאַמען פון פעלזן,
וואָס האָבן צעבראָכן
דעם יאָך פון דעם געוואָרנעם שטעיען —
מיר געייען —
און וועלכער נאָר זייסטע
אונדז קאָנען פאַרהאַלטן...
מיר זײַנען די ערשטע

אין פֿאַלר, פֿון ווינטן,
מיט ווּיכערס געבונדן,
מיט כוואַליעס געשוועסטערט,
געברודערט מיט שטורעם —
קײַן מיזראַך, קײַן מײַרעװ, קײַן צאָפֿן, קײַן דאָרעם!

* * *

איך האָב בײַ היימען<br>
דאָרט,<br>
אין מײַרעוו זײַט,<br>
אין טליענדיקע רוימען<br>
מיט בלויע פֿרויערן<br>
פֿאַרזוימטע.

איך האָב פיל היימען דאָרט.

נאָר ליבער נאָך<br>
איז מיר<br>
דאָס אָרט,<br>
וואו פײַער־פײַלן<br>
שפּאַלטן טויערן<br>
אין נעכט פאַרטרוימטע,<br>
צאַהין, צאַהין,<br>
פון אומעטום<br>
מיך ציט נאָך פאָרט. —

מײַן ליבסטע היים—איז דאָרט.

* * *

וואָס זאָל איך דיר זאָגן
מײַן פײַנטליכער פרײַנט? —
איך דאַרף מיט דיר טראָגן
מײַן פײַנטליכן הײַנט.

עס לעכצן געמיטער
נאָך פריידן, נאָך ליכט, —
זיי טראָג איך מיט ציטער
מײַן לויטער געזיכט.

עס וואַרטן געמיטער
אַף צאָרן אַף גרים,—
פאַר זיי אין געוויטער
דאָ שטאָל איך מײַן שטים.

און זידט אויף אין הארצן
מיין צאָרניקער האַס, —
ווי זאָל איך אים שוואַרצן
מיט גאָליקן קאַס.

און שטעלט זיך אין אויגן
אַ ביטערע טרער —
איז שווער זיך צו בויגן,
איז אָפּטרייסלען שווער...

וואָס זאָל איך דיר זאָגן
מיין פּיינטליכער פריינט? —
איך מוז מיט דיר טראָגן
מיין פּיינליכן היינט...

* * *

מײַן קײַלאַכדיקע היים,
מײַן שוואַרצע ערד!

וואוהין איך זאָל מײַן בליק קען,
וואוהין איך זאָל מײַן בליק ניט ווענדן, —
אין יעדן דײַנעם קנייטש,
אין יעדן דײַנעם ווינקל
מיר טוט אַ פינקל
אַ אויג פון מײַן אַ ברודער.

מיט יעדערן פון זיי בין איך.

געהערט האָט מײַן געוויידער
יעדער טורעם דײַנער,
יעדערע פון דײַנע היילן.

ביסט מײַנע ערד, ביסט מײַנע! —

## ד א ר ש ט.

אָקאָרשט
בין איך אַרויס צו אײַך
פאַרצאַמטע אויצרעס דאָרשט.

אָקאָרשט
בין איך אַרויס צו דיר,
אָ, גרויסער הונגער!

איך אָטעם אָפּ.

ווי שאָלאכץ
פאַלט פון מיר אַראָפּ
דער ש׳יאַם
וואָס האָט אין אַלע טיפע גריבער
געגאָסן זיך אַריבער
אריבער מײַן אַנטבלויזטן קאָפּ

ווער קאָן אין גליה פון זאָרשט
פון מיר דאָ הייסן יונגער?

פון גרויער אַלטקייט אויסגעטון
מיט ברוינעם נאַקעט מיינעם
צווישן ווילדסטע
צווישן יונגסטע
מיין אַלטע האַנט
איז היינט די גרינגסטע
די מילדסטע.